בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שְׁמִינִי

249

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי הִיט מֶען אָפּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן?......א
פַּארְוָואס נָאר שְׁרֵייעֶן, פַּארְוָואס נִישְׁט רֶעדְן שַׁיין?......ג
מֶעג אִיךְ צוּרִיק שְׁלָאגְן מַיין טַאטֶע?......ה
מַיין וַוייבּ פַּייבִיגְט מִיר, וָואס טוּ אִיךְ?......ז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

תְּהִלִים גֶעבְּט כֹּחַ, תְּהִלִים בְּרֶענְגְט נַחַת, תְּהִלִים מַאכְט נִיסִים......א
זָאגְט תְּהִלִים וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים......א
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ......ב
דִי מַאמֶע'ס תְּפִילוֹת הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט......ב
מֶען דַארְף פָאלְגְן דֶעם דָאקְטֶער......ד
נָאר מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אָפְּרַאטֶעוֶוען דִי קִינְדֶער......ה
הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אִיז עֲבוֹדַת הַשֵׁם......ה
עֶנְדֶערְשׁ קוּמֶען אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח צוּ דִי עֶלְטֶערְן......ו
מֶען דַארְף אַסַאךְ תְּפִלָּה צוּ קֶענֶען זַיין קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן......ז
אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען, וֶועט דַיין וַוייבּ דִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן......ז
אַלֶע צַדִיקִים אִין הִימְל פְרֵייעֶן זִיךְ וֶוען נָאךְ אַ אִיד וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן......ח
אַז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלֶען וֶועט דִי וֶוערְן גֶעזוּנְט......ט
פַּארְוָואס אִיז דָאס קִינְד נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג?......י
מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ בַּאזִיגְן דַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת......יא
אַ בַּר מִצְוָה אִינְגְל זָאל קוּמֶען צוּם טָאג פוּן זַיין בַּר מִצְוָה מִיט שַׁ"ס......יג
דֶער שִׁיעוּר פוּן פָארְלֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִיז דַיין זְכוּת......יג
אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַארְף זַיין שָׁלוֹם......יד
מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ פּוּרִים......טו
שֵׁיינֶע נַייעֶ גְרֶעפִּיקְס פַאר דִי סְפָרִים......טו

עֶס בֶּעֶנְקְט זִיךְ צוּ מוֹהֲרָא"ש ........ טז
פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט אִין דִי פִילֶע חוֹבוֹת ........ טז
זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ........ יז
אַזֶעלְכֶע הִתְחַזְקוּת זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת ........ יח
דֶער סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן גִיסְן גוּטֶע וֶוערְטֶער ........ יח
אַ זִינְגֶער מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת ........ יט
שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת צוּ מְקָרֵב זַיין דִי קִינְדֶער ........ כ
אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן ........ כא
שְׁטַארְק דִיךְ עוֹסֵק צוּ זַיין אִין שִׁידוּכִים ........ כב
קֶענְסְט רַאטֶעוֶוען דִי קִינְדֶער ........ כב
דוּרְךְ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק ........ כג
אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן חוֹבוֹת בִּזְכוּת נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶנֶען ........ כד
אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק וָואס קְלַאפְּט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ ........ כד
נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן נְדָבוֹת פַאר'ן רֶענְט קָאמְפֵּיין צוּ קֶענֶען גֵיין אוֹיף דִי נְסִיעָה ........ כה
עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דִי שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנְיֶע פַאר אַזַא שֵׁיינֶעם שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת ........ כו
אִיךְ דַארְף הָאבְּן גֶעלְט פַאר דִי לוֹמְדֵי הַכּוֹלֵל אוֹיף פֶּסַח ........ כו
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי בְּנֵי הַכּוֹלֵל אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח ........ כז
דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה ........ כז
פוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט פֶּענִיס, דָאס אִיז גֶעוָוארְן טוֹיזְנְט דָאלֶער ........ כח
פְּרִישׁ זִיךְ אוֹיף אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה ........ כט
נִישְׁט הֶערְן הַאטְלֵיינְס אוּן לֵיינֶען מַאגַאזִינֶען, עֶס מַאכְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן נֶערְוֶועז ........ כט
נֶעם אַ מוֹהֵל מוּמְחֶה, דָאס אִיז הִידוּר מִצְוָה ........ ל
גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן קְרֶעדִיט קַארְדְס ........ ל
אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיפְ'ן בָּאס ........ לב
רֶעדְן מִיט אַ צְוֵוייטְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ ........ לג
דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק מִלְחָמָה מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע ........ לג
זָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועסְטוּ שְׁנֶעל וֶוערְן רֵיין אוּן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט ........ לד
מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערֶע ........ לה
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט דוּ זָאלְסְט צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים ........ לו
אַז דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן, וֶועט דַיין כַּלָּה אוֹיךְ זַיין וואוֹיל ........ לו
עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן ........ לז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווִי אַזוֹי הִיט מֶען אָפּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטֶע יָאר פּוּרִים אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה אִין אַ גֶעווִיסֶע שׁוּל אַז אַ טַאטֶע הָאט גֶעזוּכְט זַיין זוּן פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט אוּן הָאט אִים צוּם סוֹף גֶעטְרָאפְן שְׁרֵייעֶן פַארְשְׁפַּארְט אִין אַ זַייטִיגֶע שְׁטִיבְּל מִיט אַ מְנֻוָּל רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

זַייעֶנְדִיג לֶעצְטְנְס בַּיי אַ שִׂמְחָה אִיז מַיין שְׁוֶועגֶערִין אַרַיין אִין אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד פוּן דֶעם, זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי שִׂמְחָה, וַוייל יֶעדֶע מִינוּט אוּן אַ הַאלְבּ הָאט זִי נָאכְאַמָאל גֶערוּפְן מַיין בְּרוּדֶער זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז עֶר הָאט זַייעֶר קִינְד.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, קֶען זַיין אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער סָארְט מֶענְטְשׁ, אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶעבְן מִיט אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים. אֶפְשָׁר אִיז גְרִינְגֶער צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן נָאר מֵיידְלֶעךְ? אוֹיבּ דָאס וֶועט זַיין בֶּעסֶער. אַוַדַאי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן רֶעדְן פוּן דֶעם אָבֶער צִי דַארְף מֶען לֶעבְן מִיט פְּחָדִים?

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיךְ בִּיטֶע מַסְבִּיר זַיין וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ה' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וָואס מֵיינְסְטוּ, מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן נִישְׁט קַיין שְׁמִירָה? מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה וִוי אִינְגְלֶעךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשׂא, י) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ו, כד): יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ, "יְבָרֶכְךָ בְּבָנִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט קִינְדֶער, "וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת", אוּן דִיר אָפְּהִיטְן מִיט דַיינֶע טֶעכְטֶער; זֶעט מֶען אַז מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן הָאבְּן מֶער שְׁמִירָה וִוי זִין.

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז אָנְצוּגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער פָּארְאוֹיס זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן מְנֻוָולִים. עֶרְשְׁטְנְס דַארְפְן עֶלְטֶערְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ, קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ פְרֶעמְדֶע שְׁטוּבּ אָדֶער קַאר, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען גֵייט אִין שׁוּל אָדֶער צוּ אַ שִׂמְחָה - נִישְׁט צוּ גֵיין אִין שְׁטִילֶע לֵיידִיגֶע פְּלֶעצֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער - סֵיי אִינְגְלֶעךְ, סֵיי מֵיידְלֶעךְ, קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ - נִישְׁט זִיךְ לָאזְן אָנְרִירְן אִין פְּרִיוַואטֶע פְּלֶעצֶער, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אֵיינֶער וִויל טוּן עֲבֵירוֹת, עֶר וִויל אָנְרִירְן אִין פְּרִיוַואטֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ' - זָאל עֶס זַיין אֲפִילוּ אַ נָאנְטֶער מֶענְטְשׁ, אֵיינֶעם וֶועם מֶען קֶען; אַ פֶעטֶער, אַ בְּרוּדֶער וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן אוּן רוּפְן פַאר הִילְף. מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין אוּן גֶעזוּנְט, זֵיי זָאגְן: "עֶס זֶענֶען דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען דָאס נִישְׁט אָן, מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זֵיי; אוֹיבּ זֵיי ווִילְן אָנְכַאפְּן בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף יֶענֶעם, אוּן זָאלְסְט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן".

מִי לָנוּ גָּדוֹל פוּן דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֵייסְן דִי מְלַמְּדִים רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה; עֶס אִיז הַיינְט שׁוֹין גֶעדְרוּקְט דִי דְרָשׁוֹת פוּן אַסִיפוֹת מְלַמְּדִים, וִוי מֶען פְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס מֶען זָאל טוּן, יָא רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה אָדֶער נִישְׁט רֶעדְן פוּן קְדוּשָׁה? דֶער רֶבִּי עֶנְטְפֶערְט: "אַוַדַאי זָאל מֶען רֶעדְן!" מֶען הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְן רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן; דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי הָאט אַלֶעס אַוֶועקְגֶעמַאכְט אוּן גֶעהֵייסְן זַיינֶע מְלַמְּדִים רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה. הַיינְט זֶעט מֶען וִוי גֶערֶעכְט עֶר אִיז גֶעוֶוען, וֶוען עֶס קוּמֶען אַרוֹיף

טָאג טֶעגְלִיךְ מַעֲשִׂיוֹת, מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן ווי זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶע׳הַרְגְ׳עֶט דוּרְךְ מְנִיוָולִים, אוּן נָאכְאַלְץ זֶענֶען דָא פַארְ׳עַקְשְׁנְ׳טֶע מֶענְטְשְׁן מִיט שִׁיטוֹת נִישְׁט צוּ רֶעדְן. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אַ קִינְד וָואס פַאלְט פַאר אַ מְנִיוָול, עֶס וָואלְט אִים שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעוֶוען צוּ פַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן אַ רוֹצֵחַ אוּן אֵיין מָאל שְׁטַארְבְּן, ווי צוּ הַאלְטְן אִין אֵיין שְׁטַארְבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן רֵיין, זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ; לֶעבְּן מִיט פְּחָדִים יֶעדֶע רֶגַע ׳וואוּ זֶענֶען דִי קִינְדֶער?׳ - אִיז נִישְׁט דִי וֶועג, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, לָאזְן דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר - אִיז זִיכֶער נִישְׁט דִי וֶועג, מֶען דַארְף נֶעמֶען דִי מִיטְל וֶועג, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, ווִיסְן מִיט וֶועם זֵיי חַבֶרְ׳ן זִיךְ. וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַארְף מֶען הַאלְטְן דִי קִינְדֶער מִיט זִיךְ, קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז שְׁוֶוער זֵיי זָאלְן זִיצְן אַ גַאנְץ דַאוֶוענֶען, דַארְף מֶען מִיט בְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע שְׁפִּילְצֵייג מִיט וָואס דִי קִינְדֶער קֶענֶען זִיךְ שהַאלְטְן בַּאשֶׁעפְטִיגְט אִין דִי צַייט פוּן דַאוֶוענֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גֶערוּדֶער, נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס דַאוֶוענֶען; מֶען בְּרֶענְגְט מִיט גוּטֶע זַאכְן אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער דַאוֶוענֶען מִיט - הָאט מֶען זֵיי מִיט וָואס צוּ בַּאלוֹינֶען.

ווּאוֹיל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער, וָואס בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער - וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס נָאר שְׁרֵייעֶן, פַארְוָואס נִישְׁט רֶעדְן שֵׁיין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ אוֹיף דִי חִיזוּק אוּן עֵצוֹת.

מַיין מַאן וֵוייסְט נִישְׁט בִּכְלָל אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּ מִיר, עֶר קֶען נָאר שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר, אוּן דֶער חִידוּשׁ אִיז אַז אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס עֶר שְׁרֵייט אוֹיף מִיר, אוּן פוּנְקְט דֶעמָאלְט

טְרֶעפְט ער זַיינְ'ס אַ גוּטֶער חַבֵר - רֶעדְט עֶר צוּ יֶענֶעם זַייעֶר שַׁיין, כְּאִילוּ עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען פַאר אַ סֶעקוּנְדֶע צוּרִיק; אִיךְ וֶוער זַייעֶר שְׁטַארְק בַּאלֵיידִיגְט דֶערְפוּן.

אוֹיךְ וֵוייסְט עֶר קֵיינְמָאל פוּן אַזַא זַאךְ וִוי אִיבֶּערְבֶּעטְן, עֶר וֵוייסְט נָאר אַז אִיךְ דַארְף שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיינֶע כֹּחוֹת לָאזְן זִיךְ אוֹיס מֶער אוּן מֶער פוּן טָאג צוּ טָאג.

מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל, בַּיי דִי גְרֶעסְטֶע יוֹעֲצִים, קֵיינֶעם הָאט עֶר אָבֶער נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָאלְגְן. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאט וָואס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע שְׁטַארְק גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף מִיר זִיךְ צוּ טוֹישְׁן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ אַזוֹי וִוי עֶר אִיז, אָבֶער דִי זַאךְ פוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר בִּין אִיךְ נִישְׁט מְסוּגָל צוּ פַארְנֶעמֶען, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס זָאל רֶעדְן צוּ אִים שְׁטְרֶענְג, אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, י"ג אֲדָר ב', תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"ב**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי הַאלְט נִישְׁט אוֹיס וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ אִיר, דוּ רֶעדְסְט צוּ אִיר נִישְׁט שֵׁיין; זִי הֶערְט וִוי דוּ רֶעדְסְט מִיט חֲבֵרִים אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט, אַזוֹי זִיס אוּן צוּ אִיר רֶעדְסְטוּ נִישְׁט שֵׁיין.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זַייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זַייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ', אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן רסג): "סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אֵיינֶער הָאט מִיר פַארְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם,

"אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זַיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר כָּבוֹד, רֶעד צוּ אִיר אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חָשׁוּבְ'ן מֶענְטְשׁ. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ אוּן זִי וֵויינְט, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, מֶען וֶוערְט אָרֶעם, מֶען לַיידְט נָאכְדֶעם אַסַאךְ אִין לֶעבְּן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ, "שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", וַוייל זִי וֵויינְט זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן אוֹיבּ זִי וֵויינְט בַּאקוּמְט מֶען נָאכְדֶעם אַ שְׁטְרָאף.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ; הוֹיבּ אָן לֶעבְּן וִוי עֶרְלִיכֶע אִידְן לֶעבְּן, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ.

...

## מֶעג אִיךְ צוּרִיק שְׁלָאגְן מַיין טַאטֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר אַ שְׁטִיק חַיּוּת.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אַזוֹי גוּט מִיט מַיין טַאטֶע, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז מַיין טַאטֶע שְׁלָאגְט מִיר צוּמָאל.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אִים צוּרִיק שְׁלָאגְן, אִיךְ בִּין אָבֶּער בְּטֶבַע אַ

רוּאִיגֶער און אִיךְ הָאב נִישְׁט לִיבּ זִיךְ צוּ קְרִיגְן, און זִיכֶער נִישְׁט מִיט מַיין טַאטֶע.

וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיךְ זָאל טוּן אִין אַזַא מַצָּב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת צַו, י"ד אֲדָר ב', חַג הַפּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם צוּרִיק שְׁלָאגְן, אַ טַאטֶע טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כא, טו): "וּמַכֵּה אָבִיו", אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט זַיין טַאטֶע, "מוֹת יוּמָת" - בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.

אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ גֵיין וואוֹינֶען בַּיי אַ זֵיידֶע אָדֶער אַ פֶּעטֶער, דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ; חַס וְשָׁלוֹם עֶנְטְפֶערְן פַאר עֶלְטֶערְן, זִיךְ חוּצְפָּה'נֶען צוּ עֶלְטֶערְן.

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, ווַייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ווֵייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און עֶר ווֵייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ ווֶערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ

טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ׳, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

...

### מַיין וַוייבּ פַּיינִיגְט מִיר, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ פַּיינִיגְט מִיר, זִי דֶערְגֵייט מִיר מַיינֶע יָארְן, אוּן זִי מַאכְט מִיר שְׁפִּירְן ווִי אִיךְ בִּין נָאךְ דֶער רוֹדֵף; וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ד אֲדָר ב׳, חַג הַפּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר. אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דָאס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פוּן מַיין וַוייבּ - אִיז נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אוּן אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן. דוּ הָאסְט מְגַלֶּה גֶעוֶועְן דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם

בְּמַחְשָׁבָה, עֶר טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בְּדִבּוּר, מֶען רֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט מֶען צָרוֹת פוּן דִי וַוייבּ, אוּן וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בְּמַעֲשֶׂה, מֶען זִינְדִיגְט מִיט עֲבֵירוֹת - לַיידְט מֶען יְסוּרִים פוּן מֶענְטְשְׁן.

עַל כֵּן בָּאתִי לְפָנֶיךָ ה' אֱלוֹקַי, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ וִויל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר. אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוּיל. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף מַיין וַוייבּ, אִיךְ זָאל אִיר נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן, אִיךְ זָאל אִיר וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט זִי, זִי וִויל זַיין גוּט צוּ מִיר, זִי וִויל זַיין אֵיינְס מִיט מִיר, אִיךְ דַארְף מְתַקֵּן זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", זָכָה - דֶער וָואס פִירְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף, עוֹזַרְתּוֹ - וֶוערְט זִי אַן עֵזֶר, זִי הֶעלְפְט אִים, זִי אִיז מִיט אִים, זִי וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִים, לֹא זָכָה - אַז מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, כְּנֶגְדּוֹ - וֶוערְט זִי אַ פַּיינְט.

הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דוּ; מַיין וַוייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער, מַיין פַּרְנָסָה - אַלֶעס בִּיסְטוּ אַלֵיינְס. בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ מִיר שְׁלוֹם בַּיִת, גֶעבּ מִיר נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועהן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נַחַת, תְּהִלִּים מַאכְט נִיסִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ׳

תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נַחַת, תְּהִלִּים מַאכְט נִיסִים, דוּרְךְ תְּהִלִּים קוּמְט יְשׁוּעוֹת, תְּהִלִּים אִיז בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוֹיסְהֶערְן אַייעֶרע תְּפִילּוֹת אוּן אַייעֶר דַאנְק אוּן לוֹיב, אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**זָאגְט תְּהִלִּים וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

אַ מַתָּנָה פַאר מָרַת ... תְּחְיֶ׳

זָאגְט תְּהִלִּים וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים פוּן גָארְנִישְׁט.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ...**

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ.**

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

...

**דִי מַאמֶע'ס תְּפִילוֹת הָאבְּן גֶע'פּוֹעֵלְ'ט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א', עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווארוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי בְּרִיוו, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין; אִיךְ בֶּעט דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ מֶער, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין וֶוען עֶס וֶועט פַארְטִיג וֶוערְן נָאךְ חֲלָקִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, און אוֹיף דִי סְפָרִים אִישׁ אֱמוּנוֹת.

אוֹיךְ דִי "קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג. דִי מְפִיצִים זָאגְן זֵיי וֶועלְן דָאס טֵיילְן בַּיי אַלֶע הַייזֶער, דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט דִי מַעֲשֶׂה'לֶעךְ, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אַרַיינְזַאפְּן אִין זִיךְ דִי יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי וָואךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ בִּילְד ווִי אַ מַאמֶע שְׁטֵייט בַּיים וִויגֶעלֶע, זִי הַאלְט אִין אִירֶע הֶענְט אַ סֵפֶר תְּהִלִּים און זִי וֵויינְט, אִינֶעם וִויג זָאל מֶען זֶען אַ קִינְד מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן. בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל אַרַיינְלֵייגְן הַארְץ אִין דִי בִּילְדֶער, נִישְׁט מַאכְן סְתָּם אַ קַאטְשְׁקֶע...

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

**"גִיוַואלְד...! אוֹי וֵויי...! וָואס וֶועט זַיין...?!" זִי וֵויינְט גֶעפֶערְלִיךְ... זִי שְׁרֵייט צוּ אִיר מַאן: "לוֹיף צוּם רֶבִּי'ן, בֶּעט אַ בְּרָכָה; דָאס קִינְד אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ קְרַאנְק".**

גֶעוֶוען אִיז דָאס דִי פְרוֹי פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד

פון רֶבִּי'ן. פַּאסִירְט אַמָאל אַז זֵייעֶר קִינְד הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוט גֶעשְׁפִּירְט, דִי מַאמֶע פוּנֶעם קִינְד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, זִי זָאגְט פַּאר אִיר מַאן: "לוֹיף צוּם רֶבִּי'ן, בֶּעט אַ בְּרָכָה אַז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה".

רֶבִּי שִׁמְעוֹן לוֹיפְט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר בֶּעט: "רֶבִּי וִוינְטְשְׁט אָן דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק", אָבֶּער דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, רֶבִּי שִׁמְעוֹן וֶוערְט זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, עֶר בֶּעט נָאכַאמָאל: "דֶער רֶבִּי זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה, דֶער רֶבִּי זָאל ווּאוּנְטְשְׁן אַז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה", אָבֶּער אַזוֹי ווִי פְּרִיעֶר, דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג. רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֵייט אַהֵיים זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר זָאגְט זַיין וַוייבּ: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט ווּאוּנְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט".

רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס וַוייבּ וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זִי נֶעמְט אַ תְּהִלִּים אוּן הוֹיבְּט אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זִי וֵויינְט, זִי בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיין קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, הֶעלְף דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה"; עֶס וֶוערְט שׁוֹין שְׁפֶּעט בַּייַנאכְט, אַלֶע שְׁלָאפְן, אָבֶּער דִי מַאמֶע רִירְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶעם קִינְד, זִי זָאגְט נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אוּן נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, זִי וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

אִינְדֶערְפְרִי, רֶבִּי שִׁמְעוֹן נֶעמְט זַיין טַלִית וּתְפִילִין, עֶר גֵייט דַאוֶונֶען מִיטְ'ן רֶבִּינ'ס מִנְיָן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזֶען זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט נֶעכְטְן; וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַארְ'ן קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אַ גְזֵירָה אַז דָאס קִינְד מוּז שְׁטַארְבְּן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דִי גְזֵירָה אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן, דַיין וַוייבּ הָאט מִיט אִירֶע תְּפִילוֹת גֶע'פּוֹעֵלְ'ט אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אוּן זִי הָאט מִיט אִירֶע תְּפִילוֹת גֶע'פּוֹעֵלְ'ט לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן פַארְ'ן קִינְד".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין נִגְזַר גֶעוָוארְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה,

**אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט תְּהִלִים - דְרֵיידְט מֶען אִיבֶּער דִי גְזֵירָה.**

שְׁטַארְק זִיךְ טֵייעֶרֶער ..., זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

## מֶען דַארְף פָּאלְגְן דֶעם דָאקְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג דֶעם דָאקְטֶער, דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דֶער דָאקְטֶער הֵייסְט מַאכְן זִירוּז וְכוּ׳ - דַארְף מֶען אִים פָּאלְגְן, אוֹיבּ דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען קֶען וַוארְטְן - זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען דֶער דָאקְטֶער הֶערְט אַז מֶען גֶעבְּט אִים כָּבוֹד, דָאס הֵייסְט עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אִים, - וֶועט עֶר נִישְׁט שְׁטוּפְּן צוּ מַאכְן אַ זִירוּז, נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַ סַכָּנָה. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען מוּז שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן וְכוּ׳ אוּן נָאכְן זָאגְן אַז מַיין רֶבִּי (אִין אַמֶערִיקָא הָאבְּן דִי דָאקְטוֹרִים דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ רַב) זָאגְט מֶען מוּז פָּאלְגְן דֶעם דָאקְטֶער, אוּן אוֹיבּ דֶער דָאקְטֶער זָאגְט מֶען מוּז שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן וְכוּ׳ - זָאל מֶען אַזוֹי טוּן, אוּן אוֹיבּ מֶען קֶען נָאךְ וַוארְטְן זָאל מֶען וַוארְטְן - הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן מֶען קֶען נָאךְ וַוארְטְן.

דַיינֶע לִיפְּן זָאלְן אַ גַאנְצֶע צַייט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַלֶעס בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נָאר מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אָפְּרַאטֶעוֶוען דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף גֵיין מִיט אִים נָאר מִיט לִיבְּשַׁאפְט; גֶעבְּן אַסַאךְ וַוארֶעמְקֵייט אוּן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

קִינְדֶער וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן וִוי טַאטֶע מַאמֶע שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער הָאבְּן זֵיי לִיבּ - גֶעבְּט זֵיי דָאס כֹּחַ צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן. דִי גַאס אִיז זֵייעֶר סַכָּנָה'דִיג, עֶס שְׁלֶעפְּט אַוֶועק יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; נָאר מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אָפְּרַאטֶעוֶוען דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט דַיין וַוייבּ; אִין דִי טֶעג וְכוּ' אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן. עֶס אִיז גֶעזוּנְט אִין אַלֶע וֶועגְן, סֵיי פַאר'ן גוּף אוּן סֵיי פַאר'ן נֶפֶשׁ; גֵיין שְׁפַּאצִירְן הָאט נִישְׁט מִיט הַרְחָקוֹת וְכוּ'.

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן אַז דַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען הָאט אַ קִינְד; עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט דִי פְרוֹי זָאל צוּרִיקְקוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת. נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר, נָאכְן לַיידְן אַזוֹיפִיל צַעַר פוּן עִבּוּר אוּן לֵידָה וְגִדּוּל הַיְלָדִים (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד).

דֶער מַאן דַארְף הֶעלְפְן דִי וַוייבּ זִי זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען שְׁנֶעל אִירֶע כֹּחוֹת, דַיין וַוייבְּ׳ס גֶעזוּנְט וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר; אַז דוּ וֶועסְט אִיר מוּטִיגְן אוּן הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, דוּ וֶועסְט אִיר מְחַזֵק זַיין - וֶועט זִי שְׁנֶעל צוּרִיקְקוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת.

דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער - אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר גֶעלֶערְנְט, פוּן פַארְטָאגְס בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן דִי עֶרְמְל אוּן גֶעוַואשְׁן דִי גֶעשִׁיר, גֶעבָּאדְן דִי קִינְדֶער, אַלֶעס גֶעטוּן אִין שְׁטוּבּ צוּ הֶעלְפְן מַיין מַאמֶע, אוּן נָאכְן הֶעלְפְן אִיז עֶר גְלַייךְ צוּרִיק צוּ דִי גְמָרָא, גֶעלֶערְנְט אִין שְׁטוּבּ אוֹיפְ׳ן קוֹל. אוּן אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ, נָאכְן זַיין אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי בָּחוּרִים, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים הוֹיבּ אִיךְ אָן פוּן פְרִישׁ אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ, נֶעם אִיר שְׁפַּאצִירְן אוּן הֶעלְף אִיר אִין שְׁטוּבּ; וֶועט זִי צוּרִיק בַּאקוּמֶען אִירֶע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶנְדֶערְשׁ קוּמֶען אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח צוּ דִי עֶלְטֶערְן**

בְּעֶזְרַת הַ׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ד׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... שֶׁיִחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ קוּם מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף גְלַייךְ נָאךְ פּוּרִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס גֵייט זַיין דִי מַצֵּבָה שְׁטֶעלְן פַאר מַיין זֵיידֶע אִין מִירוֹן; אִיךְ וֶועל מַאכְן צַייט פַאר עֶנְק.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען קַיין אַמֶעריקֶע יֶעצְט אוֹיף שַׁבָּת צוּם סִיוּם אָדֶער אוֹיף פֶּסַח; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן עֶנְק קוּמֶען אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, הַאלְטְס אָן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זֶה הַקָּטָן גָּדוֹל

גָּדוֹל גָּדוֹל יִהְיֶה; עֶס וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פוּן אוּנְזֶער חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דארְף אַסאך תְּפִלָּה צוּ קֶענֶען זַיין קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

זֶע צוּצוּשְׁטֶעלְן פַאר מִשְׁפַּחַת ... פוּן אוּמַאן אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן; זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אָן גָארְנִישְׁט. זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן אוּקְרֵיינָא אִיבֶּערְלָאזְנְדִיג אַלֶעס. זָארְג פַאר זֵיי, פַאר אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן, עֶס זָאל זֵיי גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

זָאג פַאר ... עֶר זָאל נִישְׁט גֶעבְּן דֶעם בִּנְיָן פַאר דִי מִילִיטֶער, עֶס לוֹינְט נִישְׁט אַז דִי בִּנְיָן זָאל וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין מִלְחָמָה.

מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, שְׁנַת תשפ״ג - בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן; אַזוֹי וִוי עֶס זֶעט אוֹיס יֶעצְט, וְוי עֶס הַאלְט יֶעצְט - אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ גֵיין, מֶען דַארְף אַסַאךְ תְּפִלָּה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן; יָא? נֵיין? נָאר אִין גַאס? מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

...

## אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען, וֶועט דַיין וַוייבּ דִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ה׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

לוֹיף נִישְׁט נָאךְ דַיין וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט אִיר נָאכְלוֹיפְן - וֶועט דִיר זַיין

נָאכְדֶעם בִּיטֶער, זִי וֶועט זִיךְ גְרוֹיסְן אוֹיף דִיר; לוֹיף נָאךְ דִי מִשְׁנַיוֹת מִיט דִי גְמָרָא; לָאז אִיר אָפּ - וֶועט זִי דִיר אַנְטְקֶעגְן קוּמֶען וְכוּ'.

דִי תּוֹרָה הָאט גֶעגֶעבְּן אַן עוֹנֶשׁ פַאר חַוָּה (בְּרֵאשִׁית ג, טז): "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ, וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", דוּ וֶועסְט גְלִיסְטְן צוּ דַיין מַאן אוּן עֶר וֶועט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דִיר (עַיֵּין שָׁם בפרש"י); מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, אוֹיב עֶס אִיז "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ", זִי גְלִיסְט צוּם מַאן, דֶעמָאלְט "וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", אִיז דֶער מַאן דֶער וָואס גֶעוֶועלְטִיגְט וְכוּ', אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז פַארְקֶערְט, דֶער מַאן לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ וְכוּ', עֶס אִיז "וְאֶל אִשָּׁה תְּשֻׁקָתְךְ", דֶעמָאלְט דְרֵיידְט זִיךְ אוֹיס דֶער פָּסוּק אוֹיפְ'ן מַאן, עֶס וֶוערְט "וְהִיא (מִיט אַ יוּד) יִמְשָׁל בָּךְ", זִי הוֹיבְּט אָן גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיפְ'ן מַאן; וִוי מֶער מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ וְכוּ' - וֶוערְט דֶער מַאן זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט אִין אִירֶע אוֹיגְן.

מִיר הוֹיבְּן אָן מָארְגְן מַסֶכֶת יְבָמוֹת, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט - וֶועט זִי דִיר אַרוֹיפְקוּקְן אוּן זִי וֶועט דִיר אַנְטְקֶעגְן קוּמֶען, זִי וֶועט וֶועלְן זַיין מִיט דִיר. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר; אָן שַׁאפְן, נָאר אַלְץ בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַן אִישׁ מְכוּבָּד - וֶועט אַלֶעס זַיין אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע צַדִיקִים אִין הִימְל פְרֵייעֶן זִיךְ וֶוען נָאךְ אַ אִיד וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ה' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ רֶעדְסְט פוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ', קְפֵידוֹת פוּן צַדִיקִים, אֶפְשָׁר הָאט דֶער צַדִיק אַ קְפֵדָה אַז דוּ בִּיסְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען וְכוּ' אוּן דוּ בִּיסְט

מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וְויסְן זָאלְסְטוּ, אַ צַדִּיק גֵייט נִישְׁט אָן אַז מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן אִים, אַ צַדִּיק ווִיל נָאר בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וָואס בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פְרֵיידְט עֶר זִיךְ; דָאס אִיז קַטְנוּת הַדַעַת פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר זוּכְט אַ וֶועג דִיר צוּ צֶעבְּרֶעכְן.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, דַיין רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְרֵיידְט זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַ פְּלַאץ וָואס גֶעבְּט דִיר חַיוּת, אַלֶע צַדִּיקִים אִין הִימְל פְרֵייעֶן זִיךְ וֶוען נָאךְ אַ אִיד וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן. דָא בָּזֶה הָעוֹלָם אִיז דָא הִתְנַגְדוּת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אוֹיבְן אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט אַ רַעַשׁ וֶוען אַ אִיד קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם רֶבִּי'ן.

זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן דֶעם יוֹם - מַה טוֹב וּמַה נָּעִים, אוּן אַז נִישְׁט - זָאג וְויפִיל דוּ קֶענְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלֶען וֶועט זִי וֶוערְן גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ה' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז אִיר הָאט שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין דָא גוּטֶע נַייעֶס, אִיר וַוארְט אַ שִׂמְחָה - זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וְויפִיל וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ אוּן וְויפִיל וַוארְטְן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער; בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר צוּ דַאנְקֶען.

עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט עֶר צוּ זִיךְ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי יְשַׁעְיָ' מְקֶערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעוַויינְט אַז זַיין טָאכְטֶער אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק, אַלֶע דָאקְטוֹרִים הָאבְּן שׁוֹין

אוֹיפְגֶעגֶעבְּן; דֶער אִיד הָאט גֶעוַויינְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרֵייסְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ וֵויינֶען מִיט אַזֶעלְכֶע בְּכִיּוֹת, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלֶען - וֶועט זִי וֶוערְן גֶעזוּנְט"; וְכַךְ הֲוָה, זִי אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, וַוייל שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

אַייעֶר מַאן אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַייךְ, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר כְּסֵדֶר וְוי גוּט עֶס אִיז אִים, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס אִיז דָאס קִינְד נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ה' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶענוּמֶען דֶעם קִינְד אִין אַ זַייט אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶפֶּעס שְׁטֶערְט אִים, פַארְוָואס עֶר טוּט דָאס; "פַארְוָואס מַאכְסְטוּ חוֹזֶק פוּן מִיר? דוּ פַארְשֶׁעמְסְט מִיר, מֶען טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד"; דָאס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן.

הָאסְט גוּט גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען אֵיידֶער זַיין טַאטֶע רוּפְט, דוּ קֶענְסְט זָאגְן דֶעם טַאטְן אַז דֶער קִינְד מַאכְט דִיר נָאךְ וְוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ נָאכְצוּמַאכְן דֶעם מְלַמֵּד; לָאמִיר הָאפְן אַז דֶער טַאטֶע וֶועט הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד וְוי אַזוֹי צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן נָאכְאַמָאל, אָבֶּער אוֹיבּ פַּאסִירְט אַז אַ קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס שְׁטֶערְט אִים; זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם קִינְד אִין אַ זַייט אוּן רֶעדְן מִיט אִים הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער, אִים

פְרֶעגְן וָואס שְׁטֶערְט אִים, אוֹיבּ דֶער קִינְד זָאגְט אַז גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְט אִים נִישְׁט, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן אַ גוּט וָוארְט: "בִּיסְט אַ גוּט קִינְד", "אִיךְ הַאלְט פוּן דִיר", "אִיךְ גֵיי זָאגְן דַיין טַאטֶע אַז דוּ בִּיסְט ווָאוּיל", אוּן לֵייג צוּ וָואס עֶר דַארְף פַארְעֶרְעכְטְן, זָאג אִים: "אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן אִין כִּתָּה, עֶס שְׁטֶערְט וְכוּ'".

ווָאוּיל אִיז דִי מְלַמְדִים וָואס זֶענֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ בַּאזִיגְן דַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ו' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי וָואךְ שַׁבָּת זָכוֹר גֵייעֶן מִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "דֶער עִיקָר מְחִיַּת עֲמָלֵק אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה", שִׂמְחָה אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן "'שֶׁמָּחָה' תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק", מִיט שִׂמְחָה מֶעקְט מֶען אוֹיס דִי טֻמְאַת עֲמָלֵק, שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, פּוּנְקְט בַּיי דִי מִצְוָה פוּן מְחִיַּת עֲמָלֵק וֶוערְן מֶענְטְשְׁן אַזוֹי צֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי נֶערְוֶועס, מֶען זוּכְט חוּמְרוֹת וְכוּ'; אַנְשְׁטָאט מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק, דִי סְפֵיקוֹת, דִי נֶערְוֶועס, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, מֶען הִיט תּוֹרָה וּמִצְוֹות - זוּכְט מֶען וִוי מֶער מֶען קֶען זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן.

מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ בַּאזִיגְן דַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, שִׂמְחָה אִיז דֶער סוֹד ווִיאַזוֹי מֶען אִיז מַצְלִיחַ. יֶעצְט קֶען מֶען זֶען בַּיי דִי מִלְחָמָה פוּן אוּקְרֵיינָא מִיט

רוּסְלַאנְד, דֶער רוּס אִיז דָאךְ שְׁטֶערְקֶער ווִי דֶער אוּקְרֵיינֶער, אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט פָּארְאוֹיס עֶס וֶועט נֶעמֶען צְוֵויי דְרֵיי טֶעג בִּיז עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען אוּקְרֵיינָא, מֶען זֶעט אָבֶּער ווִי דֶער אוּקְרֵיינֶער שְׁלָאגְט צוּרִיק, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג פַּארְ'ן רוּס אַיינְצוּנֶעמֶען, וַוייל זֵייעֶר פִירֶער שְׁטַארְקְט זֵיי, עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ זַיינֶע סָאלְדַאטְן אוּן זַיינֶע בִּירְגֶער - דָאס גֶעבְּט זֵיי כֹּחַ צוּ קֶענֶען צוּרִיק שְׁלָאגְן. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַז אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי נַאפָּאלִיאָן, עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִצְחוֹנוֹת; הָאבְּן צַדִּיקִים גֶעזָאגְט, נָאר וַוייל עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סָאלְדַאטְן שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט מוּזִיק בַּיי דִי פְרָאנְט, בַּיי דִי שְׁלַאכְטְן - דָאס הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן כֹּחַ. דָאס דַארְף אוּנְז לֶערְנֶען מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה וָואס מִיר טוּעֶן.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אוּ אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ הֲפָצָה; עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע הֵיימִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נָאר גֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דִי פְּלַאץ, יֶעצְט הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אַז דָאס אִיז אַלֶעס לָשׁוֹן הָרָע. דִי וָואס מַאכְן חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן צְוֵויי בֶּענֶעפִיטְן דֶערְפוּן, קוֹדֶם אִיז דָאס בְּחִנָּם, אַ שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע אִידִישֶׁע שִׂמְחָה בְּחִנָּם, בְּנוֹסָף לָזֶה אַז זֵיי מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה, עֶס קוּמֶען אַרוֹיף מֶענְטְשְׁן אוּן זֶעעֶן אַז אַלֶעס אִיז לָשׁוֹן הָרָע. דֶער מְסַדֵּר קִידּוּשִׁין אִיז גֶעוֶוען דֶער סַאטְמֶער רַב שְׁלִיטָ"א; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה.

הוֹיבּ אָן מַסֶּכֶת יְבָמוֹת, דִי דַף גְּמָרָא הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט צִיּוֹנוּת, מִיט פַּארְטֵייעֶן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ פוּן זַיין אַ חֵלֶק מִיט דִי פַּארְטֵייעֶן, עֶס אִיז אַ וֶועג צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מָארְגְן וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, מִיר וֶועלְן חַזֶרְ'ן דִי עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען מֶעקְט אוֹיס עֲמָלֵק; קוּם צוּם שִׁיעוּר, קוּם זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ בַּר מִצְוָה אִינְגְל זָאל קוּמֶען צוּם טָאג פוּן זַיין בַּר מִצְוָה מִיט שַׁ״ס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ז׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

מַזָל טוֹב פַאר דִי בַּר מִצְוָה פוּן עֶנְקֶער זוּן נֵרוֹ יָאִיר, מַזָל טוֹב פַאר׳ן סִיוּם הַשַּׁ״ס.

אִיךְ זָאג אַייךְ דֶעם אֱמֶת, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן נֶעכְטְן בַּיי דִי בַּר מִצְוָה וֶוען דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר הָאט גֶעמַאכְט דִי סִיוּם, עֶס אִיז מִיר גֶעקוּמֶען טְרֶערְן פוּן פְרֵייד; צוּ זֶען אַזַא זַאךְ, אַ בַּר מִצְוָה אִינְגְל זָאל קוּמֶען צוּם טָאג פוּן זַיין בַּר מִצְוָה מִיט שַׁ״ס, אַשְׁרֵי מִי שֶׁבָּא לְכַאן וְתַלְמִידוֹ בְּיָדוֹ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, עַד בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה.

...

### דֶער שִׁיעוּר פוּן פָארְלֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִיז דַיין זְכוּת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ז׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער שְׁוָואגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵדֶר זְרָעִים; אִיךְ לֶערְן פָאר אִין יְשִׁיבָה פַאר דִי בָּחוּרִים יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם וִוינְטֶער מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵדֶר זְרָעִים.

דָאס אִיז אַלֶעס אִין דַיין זְכוּת, דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל פָארְלֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר׳ן מִיר מְעוֹדֵד זַיין. דָאס אִיז דִי דְרִיטֶע מָאל וָואס אִיךְ לֶערְן פָאר פַאר תַּלְמִידִים מִשְׁנַיוֹת, זֶעכְצְן יָאר צוּרִיק אוּן פוּפְצְן יָאר צוּרִיק הָאב אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אַ שָׁאד מֶען הָאט דָאס נִישְׁט דֶעמָאלְט אָפְּגֶעכַאפְּט, יֶעצְט אִיז דָאס אָפְּגֶעכַאפְּט, קֶען מֶען דָאס מְפַרְסֵם זַיין פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, וֶועט זֵיי דָאס הֶעלְפְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, הֶעלְף הָאַבְּרֵךְ ... עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

...

## אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַארְף זַיין שָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ז' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דִיר, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ זֶע דִיר הָאבּ אִיךְ עֶקְסְטֶער הַנָאָה וִוי דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט, דוּ פִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אוּן אַז דוּ לֶעבְּסְט אַזוֹי שֵׁיין מִיט דַיין וַוייבּ.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אַ קְלֵיינִיקֵייט, הָאַבְּרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן פוּן דִיר. עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעוֵויינְט אַז דוּ הָאסְט אִים פַארְשֶׁעמְט, חוֹזֶק גֶעמַאכְט וִוי עֶר בּוֹיט. בִּיסְט אֵיין טָאג גֶעקוּמֶען קוּקְן דִי מַצָה בֶּעקֶערַיי וָואס עֶר בּוֹיט; הָאסְט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, חוֹזֶק גֶעמַאכְט, עֶר זָאגְט מִיר עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן אוּן עֶר קֶען עֶס נִישְׁט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז עֶר טוּט אַזוֹיפִיל פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט פַאר זִיךְ, נָאר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - דַארְפְסְטוּ אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. אַז אֵיינֶער מַאכְט אַ טָעוּת - קֶען מֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן, מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן; ווִילְסְט מֶען זָאל רֶעדְן אוֹיף דִיר? נֵיין, טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע וָואס ווִילְן מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַז תַּלְמִידִים פְרֶעגְן מִיר מִיט וָואס מֶען קֶען מִיר הֶעלְפְן; מִיט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

...

### מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ז׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען צוּ מִיר פּוּרִים וְכוּ׳; גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר אַלֶע בָּחוּרִים מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ פּוּרִים, אִיךְ נֶעם נִישְׁט אוֹיף, אִיךְ וִויל אַז אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַּאר דִי מוֹסְדוֹת.

דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, נָאכְן עֶנְדִיגְן אַרוּמְגֵיין צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה - וֶועט זַיין פַּאר דִי בָּחוּרִים אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה, מֶען וֶועט טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, אָבֶּער בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג זָאל מֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר. אֲפִילוּ אִינְגֶעלַייט וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַיין אִין וִוי אוֹיס, מֶען קוּמְט צוּ מִיר, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען צוּ גֵיין; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי גֵיין צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אָדֶער גֵיין צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה - וֶועלְן זֵיי מֶער אוֹיפְטוּן. מֵילָא מֶען וִויל בְּרֶענְגֶען מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער זִיצְן בַּיי מִיר אַ גַאנְצֶע טָאג - הָאט נִישְׁט קַיין זִין.

נֶעם צַאם דִי בָּחוּרִים, גֵייט אַרוּם נָאךְ צְדָקָה. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִּיל פַּאר בְּרֶסְלֶב, אַלֶע לֶעבְּן הַיינְט מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן; וֶוען אַלֶע בָּחוּרִים וָואלְטְן מִיר גֶעהָאלְפְן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה - וָואלְטְן זֵיי מִיר אַזוֹיפִיל גְרִינְגֶער גֶעמַאכְט.

...

### שֵׁיינֶע נֵייעֶ גְרֶעפִיקְס פַּאר דִי סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ז׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי שֵׁיינֶע נֵייעֶ גְרֶעפִיקְס וָואס אִיר מַאכְט פַּאר דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה. דִי דֶעקְל פַּארְ׳ן סֵפֶר ״אוֹצַר חִינוּךְ הַיְלָדִים״ אוּן סֵפֶר ״אוֹצַר הַחַיִּים״ - דָאס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין; מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרֶעפִיקְס פַּאר דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּתִים וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֶעלְפְּט דְרוּקְן דִי סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָימָא אוּן הַצְלָחָה.

...

### עֶס בֶּענְקְט זִיךְ צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאלְסְט הָאבְּן אוֹיסְגֶע׳פּוֹעֶל׳ט אַלֶעס גוּטְס, אוּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים, בִּפְרַט אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אוֹ, עֶס בֶּענְקְט צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ, אוֹ בֶּענְק אִיךְ זִיךְ; וֶוען אִיךְ פַארְבֶּענְק זִיךְ הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ מוֹהֲרַ"אשׁ, אִיךְ עֶפְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹהֲרַ"אשׁ בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ.

אַסַאךְ פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים וֵוייְנֶען, זֵיי זָאגְן אַ שָׁאד מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מוֹהֲרַ"אשׁ, אַ שָׁאד מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צִי שְׁפֶּעט; דָאס אִיז נַארִישׁ, וַוייל מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז דָא, רֶבִּי נָתָן אִיז דָא, דֶער רֶבִּי אִיז דָא; צַדִיקִים לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען מִיט דִי וָואס לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע סְפָרִים.

...

### פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט אִין דִי פִילֶע חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; אֱמֶת, יֶעצְט אִיז דִיר שְׁוֶוער אִין פַּרְנָסָה, דוּ הָאסְט יֶעצְט חוֹבוֹת וְכוּ׳. אִיךְ בֶּעט דִיר, דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶוער נִישְׁט בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דוּ מֵיינְסְט אַז דִי גְרוֹיסֶע גְבִירִים הָאבְּן אַלְץ מְזוּמָן? זֵיי הָאבְּן חוֹבוֹת, מָארְטְגִידְזְשֶׁעס פוּן מִילְיָאנֶען בִּילְיָאנֶען דָאלַארְן, מִיט וָואס זֶענֶען זֵיי עֲשִׁירִים? זֵיי זֶענֶען רַייךְ אִין קָאפּ, זֵיי וֵוייסְן ווִי אַזוֹי צוּ דְרֵייעֶן, וַוארְטְן אוּן בָּארְגְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, זֵיי נִישְׁט בְּקַטְנוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי פָּאר וֶוערְטֶער מַמָּשׁ פַאר'ן זְמַן שַׁבָּת, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

...

## זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא-זָכוֹר, ט' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַרְבֶּעט אוֹיף דִי אֵיין נְקוּדָה, אוֹיף שִׂמְחָה; זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן זֶע עֶס זָאל אִיבֶּערְרִינֶען דִי שִׂמְחָה. עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִין הַארְץ, עֶס דַארְף אַרוֹיסְרִינֶען אוֹיפְ'ן פָּנִים, וֶוער עֶס זֶעט דִיר - זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע בַּקָּשָׁה, הָאַבְרֵךְ ... בֶּעט מִיר אוֹיבּ אִיךְ קֶען דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אִים מוֹחֵל זַיין, עֶר זָאגְט מִיר עֶס גֵייט אִים אִין הַארְצְן אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט מִיט אִים. עֶר הָאט חֲרָטָה אַז עֶר הָאט דִיר בַּא'עַוָלְה'עֶט, עֶר ווִיל זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. אוֹיבּ אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען אִים זָאגְן - בִּיטֶע זָאג מִיר, וַוייל עֶר ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר, עֶר ווִיל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, אוּן זִיכֶער אַז אִיךְ ווִיל מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע תַּלְמִידִים, חֲבֵרִים - זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

...

### אַזֶעלְכֶע הִתְחַזְּקוּת זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב
לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

זָאלְסְט הָאבְּן אוֹיסְגֶע׳פּוֹעֶל׳ט אַלֶעס גוּטְס, אוּן אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר, סַיי בַּיי דִי צִיוּן פוּן מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן סַיי בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע הִתְחַזְּקוּת. מֶען זֶעט בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, שְׁוֶוערֶע זְמַנִים - וִוי מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען לֶעבְּט וַוייטֶער מִיט אֱמוּנָה, מֶען הַאלְט אָן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אָן קַיין שְׁטֶער; דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְחַיֶּה מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר. אִיךְ פְלֶעג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יָארְן צוּרִיק: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ אִים אַ שִׁידוּךְ פַאר עֶר וֶועט אָרָאפְּפַאלְן, אֵיידֶער עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִיר״, יֶעצְט בֶּעט אִיךְ: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וִוי שֵׁיין עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶס קוּמְט אִים זַיין שִׁידוּךְ״.

...

### דֶער סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן שֵׁיין, וַוייךְ אוּן גִיסְן גוּטֶע וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב
לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן שֵׁיין, רֶעדְן וַוייךְ אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. וֶוען דִי וַוייבּ זֶעט וִוי אִיר מַאן רֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיין, וַוייךְ אוּן גִיסְט גוּטֶע וֶוערְטֶער - וֶועט זִי אַלֶעס טוּן פַארְ׳ן מַאן, זִי וֶועט טוּן רְצוֹן בַּעְלָהּ.

עֶס אִיז גְרִינְג צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, מֶען דַארְף נָאר גֶעדֶענְקֶען דִי דְרֵיי זַאכְן: ״רֶעדְן שֵׁיין, וַוייךְ אוּן גִיסְן גוּטֶע וֶוערְטֶער״.

אַז מֶען טוּט נִישְׁט דָאס, עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ, זָאגְן "אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ" - דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; דִי פְּרוֹי שְׁפִּירְט ווִי דֶער מַאן לוֹיפְט נָאךְ וְכוּ' אוּן דֶער מַאן שְׁפִּירְט ווִי דִי וַוייבּ דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ וְכוּ', הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֶערְן דוּרְךְ דִי פָּאר שׁוּרוֹת, קוּק וָואס דָא שְׁטֵייט; וַוייל אִין דִי פָּאר שׁוּרוֹת לִיגְט דַיין עֶנְטְפֶער, דַיין יְשׁוּעָה.

...

### אַ זִינְגֶער מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא-זָכוֹר, ט' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ מַאכְסְט אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם; דוּ בִּיסְט אַ זִינְגֶער, דוּ זִינְגְסְט מִיט נָאךְ זִינְגֶערְס, אָבֶּער דוּ בִּיסְט אַנְדֶערְשׁ, דוּ זִינְגְסְט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת. לֵיידֶער וֶועסְטוּ זֶען אִינְגֶעלַייט וָואס פַּארְרוּפְן זִיךְ "חֲסִידִי'שׁ" (אֵיי, וָואס חֲסִידִי'שׁ? וֶוען חֲסִידִי'שׁ? אָן אַ בָּארְד חֲסִידִי'שׁ?) - קְרַאצְן, פְּלִיקְן אוּן שְׁנַיידְן זִיךְ דִי בָּארְד, זֵיי ווִיל זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן ווִי דֶער גוֹי טָמֵא.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי פָּאר שׁוּרוֹת, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁטַארְקְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן שְׁטָאלְץ מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אַנְדֶערֶע זַאכְן אַז דוּ ווִילְסְט - קֶענְסְטוּ מַאכְן; אַזַא בְּרִיל, אַזַא שַׁאל, אַזַא סְוֶועטֶער וְכוּ', אַלֶע סָארְט וְכוּ', אָבֶּער מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטָאלְץ.

...

**שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת צוּ מְקָרֵב זַיין דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ב
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אִינֶעם אַרְמוֹן הָאטֶעל. וָואס טְרַאכְסְטוּ, פַּארְוָואס מַאךְ אִיךְ דֶעם שַׁבָּת? פַּארְוֶועם? עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס? פַּארְוֶועם? פַּארְוָואס?"

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן, נָאר פַאר׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים גֶעבֶּעטְן בִּלְשׁוֹן בַּקָּשָׁה: "אִיךְ בֶּעט דִיר, דַארְפְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט זָאגְן פַּארְוָואס דוּ טוּסְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי".

דִיר זָאג אִיךְ אוֹיס אֵיינֶע פוּן דִי סִיבּוֹת פוּנֶעם שַׁבָּת, דֶער שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. מִיר אִיז גְרִינְגֶער צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דִיר אִיז אוֹיךְ גְרִינְגֶער צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ; אִיךְ וִויל אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן וֶוערְן אַיינְגֶעבַּאקְן בַּיים רֶבִּי׳ן. מִיר הַאלְטְן יֶעצְט בַּיי דִי צֶענְטֶע שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת; אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ עֶס מִיט פִיר מִשְׁפָּחוֹת, יֶעצְט הַאלְט עֶס בַּיי דְרֵיי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת; ווִי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען מַאכְן נָאךְ אַ שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה, קוּמֶענְדִיגֶע שַׁבָּתִים וֶועט שׁוֹין זַיין צֶעטֵיילְט, לוֹיט וִוי עֶס צוּאַוואקְסְט זִיךְ, וִויפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן מְקוּרָב - בְּלִי עַיִן הָרָע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר לָאזְן וִויסְן וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן", רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט: "דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט אַ רֶתֶת וְזִיעַ, מִיט אַ פְלַאם אוּן אַ צִיטֶער"; בָּרוּךְ הַשֵּׁם, זַייט דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, זַייט מִיר הָאבְּן דִי חֵדֶר, דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא - זֶענֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַייְנְגֶעבַּאקְן בַּיים רֶבִּי׳ן, זֵיי לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן.

דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אַ בַּר מִצְוָה אִין יְשִׁיבָה, דֶער בַּר מִצְוָה אִינְגְל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ"ס תַּלְמוּד בַּבְלִי; אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אָפֶענֶע

מֵיילֶער, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, זַיי הָאבְּן אַזוֹינְס נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט אוּן נִישְׁט גֶע׳חָלוֹמְ׳ט.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פָּאר אִיךְ אִין שְׁטֶעטְל פַּאר אַ סִיוּם הַשַּׁ״ס, אַ אִינְגְל וָואס הָאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק בַּר מִצְוָה גֶעהַאט - הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען שַׁ״ס, דָאס אִיז אַלֶעס נָאר פוּן דֶעם דִיבּוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר לָאזְן וִויסְן וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן״; דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי סִיבּוֹת פוּנֶעם שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת אוּן אִין אֵיינְוֶועגְס קֶענֶען מִיר שׁוֹין אוֹיךְ פוּן פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן.

...

## אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין כִּמְעַט צוּ דִי חֲתוּנָה, זָאלְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן, דוּ זַיי שְׁטַארְק מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס לִימוּדִים - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, אַ הָאנִיג לֶעבְּן; מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אִיז גֶעשְׁמַאק דִי לֶעבְּן.

דַיין חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיסְגֶעֶרעדְט צוּ אִים וְכוּ׳, עֶר הָאט מִיר אַלֶעס דֶערְצֵיילְט; דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ דִיר בַּארוּאִיגְן זָאלְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן, אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן. קוּק אוֹיף צוּרִיק, וִויפִיל הָאסְטוּ גֶעזָארְגְט פַּאר דַיין שִׁידוּךְ, יֶעצְט זֶעסְטוּ עֶס אִיז אַ שָׁאד גֶעוֶוען דִי זָארְג...

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה.

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

...

### שְׁטַארְק דִיךְ עוֹסֵק צוּ זַיין אִין שִׁידוּכִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זִיץ דָא אִינֶעם אַרְמוֹן הָאטֶעל, מִיר זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער טוּן פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מַאכְן פַּאר זֵיי שִׁידוּכִים; הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, נִישְׁטָא אִין דִי ווֶועלְט אַזַא צַעַר ווִי דִי צַעַר פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, זֵיי ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי ווִילְן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן.

אִיךְ ווֵייס עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, מֶען קֶען מְשׁוּגָע ווֶוערְן בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט אַ שִׁידוּךְ; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, טוּ פַּאר דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, טוּ מֶער, דוּ טוּסְט נִישְׁט גֶענוּג, דוּ שְׁלָאפְסְט; הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי.

אִין דֶעם זְכוּת ווֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵן זַיין.

...

### קֶענְסְט רַאטֶעווֶוען דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִישְׁט נָאר אַ מְלַמֵד קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער, יֶעדֶער וָואס אַרְבֶּעט אִין אַ מוֹסָד קֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

דוּ בִּיסְט אַ סְגַן מְנַהֵל, דוּ דְרֵייסְט זִיךְ צְווִישְׁן קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ טְרָאגְסְט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, אַז דוּ זֶעסְט אַ קִינְד מִיט אַן אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע מוּט - זָאלְסְטוּ אִים גְרוּסְן, גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, פְרֶעגְן "וָואס מַאכְסְטוּ?" גֶעבְּן אַ גְלֶעט אוּן אַ גוּט וָוארְט; מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אֵיין גוּט וָוארְט טוּט אוֹיף, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דִי שְׁטַארְקֵייט פוּן אֵיין גוּט וָוארְט.

בִּפְרַט וֶוען דוּ אַרְבֶּעטְסְט אִין אַ מוֹסָד וָואס מֶען לֵייגְט נִישְׁט קַיין דָּגוּשׁ אוֹיף דֶעם, מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן קִינְדֶער וָואס דִי נָאז רִינְט זֵיי, נֶעבֶּעכְדִיגֶע וְכַדוֹמֶה; זָאלְסְטוּ אַגַאנְצְן צַייט טְרַאכְטְן נָאר פוּן דֶעם, פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער, שְׁמֵייכְלֶען אוּן גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

...

## דוּרְךְ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אִינֶעם הָאטֶעל בַּיי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, שַׁבָּת סִיּוּם סֵדֶר מוֹעֵד. עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן ווִי שֵׁיין עֶס אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה; יֶעדֶער אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶער אִיז אַזוֹי צוּפְרִידְן, עֶס אִיז אַ מְחַיֶה צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אַלֶע שְׁטֶעט אוּן פוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער.

דִי וָואךְ שַׁבָּת זֶענֶען מִיר מְקַיֵים מִצְוַת מְחִיַּת עֲמָלֵק; דוּרְךְ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער - מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה - פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק.

...

## אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן חוֹבוֹת בִּזְכוּת נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוְונֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

הָאסְט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט וֶוען דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת בִּזְכוּת דִי קַבָּלָה וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְן דַאוְונֶען, דוּ הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוְונֶען בִּיזְן סוֹף.

דוּ דַארְפְסְט דָאס דֶערְצֵיילְן בָּרַבִּים אוּן פַאר אַלֶע דַיינֶע פְרֵיינְד; אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, זֵיי זִינְקֶען אִין חוֹבוֹת; וָואלְטְן זֵיי זִיךְ פָאְרגֶענוּמֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוְונֶען, פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְן סוֹף, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין - וָואלְטְן זֵיי אַלֶע גֶעזֶען יְשׁוּעוֹת.

דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, דַאנְק אִים פַאר אַלֶעס, גֵיי שְׁפַּאצִירְן צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער. דוּ וואוֹינְסְט אִין גַן עֵדֶן, דִי שְׁטֶעטְל אִיז אַ פְּלַאץ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס זַיינֶע טֶעג מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

...

## אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק וָואס קְלַאפְּט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא-זָכוֹר, ט׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק; עֲמָלֵק קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אֱמוּנָה, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, ״וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ״ (דְּבָרִים כה, יח), עֶר מַאכְט שְׁוַואךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל טְרַאכְטְן ׳אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אִיךְ בִּין בִּבְחִינַת זָנָב; קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ פֶעלֶער׳ - דָאס

דַארְפְן מִיר אוֹיסְמֶעקְן אוּן אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן קָאפּ; וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ אִיד קוּמְט אִין שׁוּל, עֶר הֵיבְּט אִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריְקַייטְן, עֶר הַאלְט נָאךְ אַ בִּזָיוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן עֶס וַוארְט אִים אַ גֶעשְׁרֵיי בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אִינְדֶערְמִיט טַאנְצְט עֶר אַרַיין אִין שׁוּל, עֶר לֵייגְט טַלִית וּתְפִילִין - וֶוערְט פוּן דֶעם אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל אִין הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַרוֹיס פוּן אִים מֶער נַחַת רוּחַ פוּן אַלֶע מַלְאָכִים.

...

## נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן נְדָבוֹת פַאר'ן רֶענְט קָאמְפֵּיין צוּ קֶענֶען גֵיין אוֹיף דִי נְסִיעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע אַז דוּ הֶעלְפְסְט דַיין בְּרוּדֶער ... אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט אַלֶעס וָואס עֶר טוּט פַאר דִי מוֹסָד.

עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן נֶעכְטְן נַאכְט בַּיי דִי מְלַוֶה מַלְכָּה בְּנוֹגֵעַ דִי טְשֶׁערֶעדִי קָאמְפֵּיין דִי יָאר, אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן יֶעצְט אָוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט, אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען מִיט קוּמֶען צוּ דִי נְסִיעָה; זַיי אִים מַסְבִּיר אַז דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים גֶעבְּן זֵייעֶר מַעֲשֵׂר חוֹדֶשׁ'לִיךְ פַאר דִי רֶענְט פוּן דִי יְשִׁיבָה, יֶעצְט וֶועלְן זֵיי אָפְּשְׁטֶעלְן דִי צְדָקָה אוּן דָאס אָוֶועקְלֵייגְן צוּ קֶענֶען מִיט קוּמֶען צוּ דִי נְסִיעָה, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן נָאר אָפְּגֶעטוּן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אָפְּצוּשְׁטֶעלְן צְדָקוֹת פוּן אַ גַאנְץ יָאר צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי נְסִיעָה, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, רִיר נִישְׁט אָן דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. ווִילְסְט גֵיין מִיט קָאלִירְטֶע שְׁטְרוּמְפּ וְכוּ' - דָאס אַלֶעס וַואקְסְט מֶען אוֹיס, אָבֶּער דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים לָאז, שְׁנַייד נִישְׁט.

אִיךְ הָאףּ דוּ וֶועסְט אָנְוַואוֶרעמֶען דִי בָּחוּרִים זָאלְן אַרוּמְגֵיין פּוּרִים צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה.

...

### עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דִי שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנְיֶע פַאר אַזַא שֵׁיינֶעם שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין נָאךְ אִין דִי לוּפְטְן פוּנֶעם הֶערְלִיכְן שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, אִיךְ זָאג דִיר עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דִי שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנְיֶע וָואס דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט פַאר אַזַא שֵׁיינֶעם שַׁבָּת.

פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן יָאר וָואס דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, שְׁנַת תשס"ט - מַאכְסְטוּ דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּתִים. דוּ גֶעדֶענְקְסְט דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פוּן פִיר מִשְׁפָּחוֹת מִיט דְרַייסִיג בָּחוּרִים, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעמַאכְט אַ שַׁבָּת פַאר הוּנְדֶערְטֶער מִשְׁפָּחוֹת.

אִיךְ זָאג דִיר בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִילָה "אַ גְרוֹיסְן דַאנְק!" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה בִּזְכוּת דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט.

...

### אִיךְ דַארְף הָאבְּן גֶעלְט פַאר דִי לוֹמְדֵי הַכּוֹלֵל אוֹיף פֶּסַח

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס אִיז מִיט דִיר? ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז עֶר גֶעבְּט דִיר יֶעדֶע חוֹדֶשׁ אַ טְשֶׁעק פַארְ'ן כּוֹלֵל אוּן דוּ דֶעפָּאזִיטְסְט עֶס נִישְׁט, עֶר פְרֶעגְט מִיר 'וָואס גֵייט דָא פָאר, מֶען דַארְף יָא גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט? אִיךְ גֶעבּ גֶעלְט אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מַיין אַקָאוּנְט'; וָויל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין וָואס גֵייט פָאר. יֶעצְט קוּמְט יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ דַארְף הָאבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר דִי לוֹמְדֵי

הַכּוֹלֵל, דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען - זָאלְן זֵיי כָּאטְשִׁיג בַּאקוּמֶען.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי נִישְׁט בְּקַטְנוּת; אַז אֵיינֶער וִויל דִיר הֶעלְפְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ לָאזְן, נִישְׁט סְתַּם מַאכְן חוֹזֶק; נֶעמֶען טְשֶׁעקְס אוּן דָאס נִישְׁט דֶעפַּאזִיטְן.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין וַוייבּ תְּחְיֶ׳, פַאר׳ן מְקָרֵב זַיין אַלֶע גֶעסְט דֶעם שַׁבָּת, זִי הָאט גוּט גֶעטוּן וְכוּ׳.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן דִי בְּנֵי הַכּוֹלֵל אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת צַו, י׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן זִיךְ אָנְטְרָאגְן צוּ הֶעלְפְן דִי בְּנֵי הַכּוֹלֵל זֵיי זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח. אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט? זֵיי בַּאקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע גֶעהַאלְט, יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב פֶּסַח וִויל אִיךְ זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס מֶער.

בִּזְכוּת הֶעלְפְן אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. אַז עֶס וֶועט דִיר אוֹיסְקוּמֶען צוּ זַיין אִין שְׁטֶעטְל - כַאפּ אַ בְּלִיק אוֹיף דִי אִינְגֶעלַייט וִוי זֵיי לֶערְנֶען, זֵיי לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה; בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, אֲפִילוּ בְּגִירְסָא.

...

**דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת צַו, י׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּנֶעם שֵׁיינֶעם שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה, נָאךְ צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער און פְרוֹיעֶן, יוּנְג און אַלְט - זֶענֶען מְחוּזָּק גֶעוָוארְן. אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִיד, שׁוֹין נִישְׁט קַיין אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג מִיט נַאסֶע אוֹיגְן, עֶר זָאגְט: "מַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעטוֹישְׁט; דִי אֵיין שִׁיעוּר פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת - הָאט מִיר גֶעשְׁפָּאלְטְן מַיין קָאפּ, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער 'רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ', דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט מִיר קֵיינֶער נִישְׁט גֶעזָאגְט"; עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ דַיינֶע כֹּחוֹת; דוּ הָאסְט לַאנְגֶע וָואכְן אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט.

אִיךְ זָאג דִיר בְּשֵׁם כָּל הַקָּהָל הַקּוֹדֶשׁ: "אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ!"

...

**פוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט פֶּענִיס, דָאס אִיז גֶעוָוארְן טוֹיזְנְט דָאלֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

מַיין אֵיידֶעם ... נֵרוֹ יָאִיר הֶעלְפְט מִיר לֶעצְטְנְס מִיט דִי פּוּשְׁקֶעס, עֶר נֶעמְט צוּזַאמֶען פוּן דִי אִינְגֶעלַייט זֵייעֶרֶע פּוּשְׁקֶעס. עֶר זָאגְט מִיר עֶר הָאט גֶעצֵיילְט דַיין פּוּשְׁקֶע און פוּן דִי אַלֶע פְּרוּטוֹת, פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת - אִיז גֶעוָוארְן טוֹיזְנְט דָאלֶער. הָאסְט אַרֵיינְגֶעלֵייגְט הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט פֶּענִיס, דָאס אִיז גֶעוָוארְן טוֹיזְנְט דָאלֶער, דָאס וֶוערְט ווִי אַ פַּאנְצֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נט, יז): "וַיִּלְבַּשׁ צְדָקָה כַּשִּׁרְיָן", דִי פְּרוּטוֹת קְלוֹיבְּן זִיךְ צַאם און עֶס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ זֶע דוּ הָאסְט גֶעלֵייגְט אוֹיף דַיין קַאר אַ סְטִיקֶער, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר קְרוֹין; דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי דוּ פָּארְסְט און ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ; נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן.

...

## פְּרִישׁ זִיךְ אוֹיף אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, י״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אַזוֹיפִיל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן - מִיט אַזַא לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט, דִי דִיבּוּרִים זֶענֶען אַרַיין אִין דִיר; דוּ גֵייסְט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט.

לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוֹיךְ הוֹיבּ צוּרִיק אָן דַיין שִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט הֶערְן הַאטְלֵיינְס אוּן לֵיינֶען מַאגַאזִינֶען, עֶס מַאכְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן נֶערְוֶועז

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

הֶערְט אוֹיף צוּ הֶערְן הַאטְלֵיינְס אוּן לֵיינֶען מַאגַאזִינֶען; דָאס מַאכְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן נֶערְוֶועז. וָואס דַארְפְט אִיר הֶערְן יֶענֶעמְ׳ס צָרוֹת אוּן יֶענֶעמְ׳ס שְׁרֶעק? פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ פַּיינִיגְן אוּמְזִיסְט? קוּקְט גוּט וֶועט אִיר זֶען וָואס פַּאסִירְט מִיט אַייךְ נָאכְן לֵיינֶען דִי אַלֶע אַרְטִיקְלֶען, אִיר הוֹיבְּט אָן פַּאנִיקְן, אִיר הוֹיבְּסְט אָן שְׁוִויצְן; אִיךְ בֶּעט אַייךְ, וַוארְפְט אַרוֹיס פוּן אַייֶער שְׁטוּבּ אַלֶע מַאגַאזִינֶען אוּן רוּפְט נִישְׁט קַיין הַאטְלֵיינְס.

לֵיינְט דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת, לֵיינְט נָאר דִי זַאכְן; דִי שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל אוּן דִי אַנְדֶערֶע גִלְיוֹנוֹת. הֶערְט נָאר קוֹל בְּרֶסְלֶב אוּן דִי קְוָואל פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ - וֶועט אִיר וֶוערְן רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם אַ מוֹהֵל מוּמְחֶה, דָאס אִיז הִידוּר מִצְוָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי בְּרִית זָאל זַיין אִין צַייט אוּן דוּ זָאלְסְט אִים מְגַדֵל זַיין לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט אַלֵיינְס מַאכְן דִי חִתּוּךְ; מוֹהֲרָא״ש זָאגְט מֶען זָאל נֶעמֶען אַ מוֹהֵל מוּמְחֶה, דָאס אִיז הִידוּר מִצְוָה.

נֶעם אַ מוֹהֵל מוּמְחֶה, דוּ מַאךְ נִישְׁט גָארְנִישְׁט; פָארִיגֶע וָואךְ הָאט אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעוָואלְט אַלֵיינְס מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי חִתּוּךְ אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעשְׁנִיטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן. יֶעצְט הָאט זִיךְ דִי שְׁטָאט אַרַיינְגֶעמִישְׁט, מֶען הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בְּנוֹגֵעַ וֶוען צוּ מַאכְן דִי בְּרִית, דִי רְמָ״א זָאגְט (אוֹרַח חַיִים סִימָן תרצג, סְעִיף ד): ״כְּשֶׁיֵּשׁ מִילָה בְּפוּרִים מָלִין הַתִּינוֹק קוֹדֶם קְרִיאַת הַמְּגִלָּה״, מֶען מַאכְט דִי בְּרִית אוּן נָאכְדֶעם לֵיינְט מֶען דִי מְגִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת.

...

## גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן קְרֶעדִיט קַארְדְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ג אֲדָר ב׳, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט פַּאסְט מֶען כְּדֵי מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט פוּן אַ צָרָה אִיז נָאר דָא דִי עֵצָה פוּן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֵצָה וָואס מָרְדְכַי

הַצַּדִּיק און אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאבְּן גֶעטוּן וֶוען הָמָן הָאט גֶעוָואלְט פַּארְטִילִיגְן דִי אִידְן.

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן קֵיין חוֹבוֹת, גְרָאבּ זִיךְ נִישְׁט קֵיין גְרוּבּ; צְדָקָה גֶעבְּט מֶען וָואס מֶען הָאט אָדֶער קֶען מֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אָבֶּער נוּץ נִישְׁט דַיינֶע קְרֶעדִיט קַארְדְס פַּאר צְדָקָה וֶוען דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין דֶעקוּנְג. הַיינְט קוּמְט מֶען שׁוֹין אִין מַיין נָאמֶען בֶּעטְן גֶעלְט, מֶען רֶעדְט אַיין צוּ נוּצְן דִי קְרֶעדִיט קַארְד. עֶנְדֶערְשׁ גֵיי נָאךְ גֶעלְט, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעבֶּעדִיג, נֶעם צַאם גֶעלְט צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד; אָבֶּער גֶעבּ אַכְטוּנְג, גְרָאבּ דִיר נִישְׁט קֵיין גְרוּבּ, מַאךְ דִיר נִישְׁט קֵיין חוֹבוֹת.

צוּ מִנְחָה מַעֲרִיב קוּמְט מֶען שׁוֹין אָנְגֶעטוּן מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת; מַה טוֹב אַז מֶען קֶען כַאפְּן אַ מִקְוֶה אֵיידֶער קְרִיאַת מְגִילָה.

מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַּארְ'ן רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דָא הָאסְטוּ אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן בַּיים גֶעבְּן דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיךְ גֶעבּ דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אִיךְ זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה חֵלֶק ב', סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", און אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמִירַת עֵינַיִם און שְׁמִירַת הַמַּחְשָׁבָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין נָאר הָאלְבּ און אִיךְ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ נָאךְ אַ אִיד; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר מַחְלוֹקֶת, און זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת און יְשׁוּעוֹת וָואס קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן אַלֶע מִצְוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, וּבִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ".

הַיינְט נַאכְט טְרִינְקְט מֶען נִישְׁט; גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן צִי שְׁפֶּעט כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אוּיפְשְׁטֵיין פּוּרִים אִין צַייט טוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת.

מָארְגְן נַאכְט וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה אוּן טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אַז מִיר זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן הָמָן; נִישְׁט נָאר אִין יֶענֶע דוֹר, נָאר בְּכָל דוֹר וָדוֹר טוּט אוּנְז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - רַאטֶעוֶועְן פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

...

**אַכְטוּנְג גֶעבְן עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיפְ'ן בָאס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, י"ג אֲדָר ב', תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, בִּשְׁעַת דוּ הָאסְט אַהֵיים גֶעטְרָאגְן דִי לֶערֶערִינְס אִיז אַ פְרוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן מִיט אִיר פִּיצְל קִינְד.

אַז עֶס זֶענֶען דָא מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַנְשְׁטָאט קוּקְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר אַלֶע עֶרְוַואקְסֶענֶע - כַאפְּן זֵיי אַ פְּלַאץ פַאר זִיךְ, בִּכְלַל אִיז דִי בָאס נִישְׁט צוּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר זֵיי, מֶען הָאט דָאס צוּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן סֶעקְרֶעטֶערִיס; זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיפְ'ן בָאס, זָאלְסְט זָאגְן אַז דִי בָאס פָארְט נִישְׁט אַרוֹיס נָאר וֶוען דִי מַאמֶעס מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער הָאבְן וואוּ צוּ זִיצְן; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא זִיךְ אָנְרוּפְן צוּ זֵיי אוּן זֵיי הֵייסְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן גֶעבְן זֵייעֶר פְּלַאץ פַאר מַאמֶעס מִיט קִינְדֶער.

נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר פַאר דִי גַאנְצֶע סְטֶעף הָאבְן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט אִין מוֹסָד אִיז אַ מְחַנֵּךְ, אֲפִילוּ מֶען אִיז נָאר אַ מֶענִידְזְשֶׁער אָדֶער אַ בָאס דְרַייוֶוער - דַארְף מֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

אִיךְ וֶועל בַּאזוּנְדֶער שְׁרַייבְּן פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג.

...

## רֶעדְן מִיט אַ צְוֵוייטְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ג אֲדָר ב׳, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ...**

מֶעגְסְט זָאגְן פַאר דַיין חַבֵר: ״אִיךְ בֶּעט דִיר, וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט מִיר זָאלְסְטוּ זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט מִיר, אוּן אַז מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה - זָאלְסְטוּ מִיר זָאגְן מִיט עֶהְרֶע ׳דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה׳ אוּן נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן וְכוּ׳״.

בַּיים רֶבִּי׳ן לֶערְנְט מֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ אַ צְוֵוייטְן וֶועט עֶר נִישְׁט רוּפְן יֶענֶעמְ׳ס רֶבִּי בַּיים נָאמֶען, מִיט גֶעשְׁפֶּעט, אֲפִילוּ יֶענֶער אִיז אַ גָארְנִישְׁט. פַארְדֶעם אַלֵיינְס אִיז כְּדַאי דִי הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי׳ן, פַאר דָאס בִּיסְל שֵׂכֶל, רֶעדְן מִיט אַ צְוֵוייטְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

...

## דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק מִלְחָמָה מִיטְ׳ן יֵצֶר הָרָע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ג אֲדָר ב׳, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן
... תְּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן, אִיר טוּט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט שְׁלֶעכְט, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט קְרַאנְק; דָאס אִיז דִי מִלְחָמָה וָואס יֶעדֶע אִיד גֵייט אַרִיבֶּער, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַמָאל קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט

שְׁטַארְקְן, מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען טוּט נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת וְכוּ' - דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן, אַזוֹי ווִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַ פַּאטְשׁ פַאר מִיר, אַ פַּאטְשׁ פַאר דִיר - דֶער עִיקָר אִיז וֶוער וֶועט גֶעבְּן דֶעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ"; אַזוֹי ווִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הַיינְט הָאט דֶער יֶענֶעם אָפְּגֶעטוּן, מָארְגְן קוּמְט יֶענֶער אוּן גֶעבְּט אִים צוּרִיק, אַזוֹי גֵייט דָאס אַהֶער אוּן אַהִין, וֶוער אִיז דֶער גֶעוִוינֶער? דָאס זֶעט מֶען בַּיים סוֹף.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּרוּחָנִיּוּת, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק מִלְחָמָה, דֶער עִיקָר אִיז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אִיךְ זָאל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן'.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט קַיין טֶערֶעפִּי, טֶערֶעפִּי אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן; עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס אִיז אַ וֶועג פוּן מַאכְן גֶעלְט אוּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן. נֶעמְט דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן - וֶועט אִיר אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן; דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דִי עֵצָה פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיפְזוּכְן גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אוּן אִים דַאנְקֶען; דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע טֶערֶעפִּי, דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ שְׁנֶעל וֶוערְן רֵיין אוּן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, י"ג אֲדָר ב', תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוִויסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה,

ווי שְׁטַארְק און ווי שְׁנֶעל דָאס הֶעלְפְּט אַרוֹיס צו קְרִיכְן פון בְּלָאטֶע, פון שְׁוֶוערֶע טִיפֶע טֻמְאוֹת - וָואלְטְן אַלֶע גֶעזֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, בִּפְרָט דוּרְךְ לִימוּד ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; לִימוּד מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה פון אַלֶע טֻמְאוֹת, פון אַלֶע זוּהֲמוֹת און פון אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

עֶס אִיז דָא גֶענוּג און נָאךְ צַייט פַאר ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; מֶען קֶען דָאס אַיינְטֵיילְן אוֹיף אַפָּאר פְּרָקִים אִינְדֶערְפְרִי, אַפָּאר פְּרָקִים מִיטָאג און אַזוֹי וַוייטֶער. אַנְשְׁטָאט קוּקְן נַייעֶס, הֶערְן נַייעֶס, זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זַאכְן וָואס קוּמְט גָארְנִישְׁט אַרוֹיס קַיין נוּצְן דֶערְפוּן - נֶעם דִי מִשְׁנָיוֹת און זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק - וֶועסְטוּ וֶוערְן רֵיין און אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, י"ג אֲדָר ב', תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט פון אַפָּאר מֵיידְלֶעךְ פון בֵּית פֵיגָא, נֶעכְטְן הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיפְגֶעשְׁטוּפְּט אַפָּאר מֵיידְלֶעךְ אוֹיפְ'ן בָּאס וָואס אִיז סְפֶּעצִיעֶל צוּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס און טִיטְשֶׁערְס, זֵיי הָאבְּן צוּגֶעכַאפְּט דִי פְּלֶעצֶער פון דִי עֶלְטֶערֶע פְרוֹיעֶן. קוּמְט אַרוֹיף אַ פְרוֹי מִיט פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער נָאכְן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג פַאר'ן מוֹסָד, זִי וַוארְט, אֶפְשָׁר וֶועט זִיךְ אֵיינֶער אוֹיפְשְׁטֶעלְן, אָבֶּער קֵיינֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, בִּיז אִינְמִיטְן וֶועג אִיז זִי אַרָאפְּגֶעפַאלְן און גֶע'חַלֶשְׁ'ט, און קֵיינֶער הָאט זִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט; אִיךְ הָאב נִישְׁט וָואס צו זָאגְן, אִיךְ הָאב נִישְׁט וָואס צוּצוּלֵייגְן.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן, דֶרֶךְ אֶרֶץ קוּמְט פַאר לֶערְנֶען תּוֹרָה, דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ

אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערֶע, הָאבְּן אַ גֶעפִיל אוּן רַחְמָנוּת פַאר מַאמֶעס מִיט פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט דוּ זָאלְסְט צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ד אֲדָר ב׳, חַג הַפּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז פּוּרִים, נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר קַיין בְּרִיוו; אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר, נוּץ אוֹיס דֶעם טָאג בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, זַיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וְוִיל גָארְנִישְׁט, נָאר טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם.

קוּם צוּרִיק, אֲפִילוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, קוּם צוּרִיק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט זַיינֶע הֶענְט צוּ דִיר, עֶר וַוארְט דוּ זָאלְסְט צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים.

בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

...

### אַז דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן, וֶועט דַיין כַּלָּה אוֹיךְ זַיין ווָאוֹיל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ד אֲדָר ב׳, חַג הַפּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט, דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן, דוּ הָאסְט עֶס צֶעבְּרָאכְן. דַיינֶע בְּרִידֶער לַאכְן פוּן דִיר, מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִיר - אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל טוּט זִיךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אַלֶע מַלְאָכִים שַׁאלְן פַאר פְרֵייד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): "שְׁלֹשָׁה מַכְרִיז עֲלֵיהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל

יוֹם״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל יֶעדְן טָאג ״עַל רַוָּק הַדָּר בַּכְּרָךְ וְאֵינוֹ חוֹטֵא״, אוֹיף אַ בָּחוּר וָואס זִינְדִיגְט נִישְׁט; אַ בָּחוּר וָואס צֶעבְּרֶעכְט זַיין טֶעלֶעפָאן מַאכְט אִין הִימְל אַזַא רַעשׁ, עֶס וֶוערְט אַ שִׂמְחָה אִין אַלֶע וֶועלְטְן.

זַיי שְׁטַארְק, פַּאל נִישְׁט צוּרִיק; נֶעם זִיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

וֶוען דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן הָאט דַיין צוּקוּנְפְטִיגֶע כַּלָה אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אִירֶע נִסְיוֹנוֹת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ב.): ״אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו״, אַ שִׁידוּךְ הָאט מִיט דִי מַעֲשִׂים; וָואלְסְט זִיכֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְגֶעפוּנֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה וִוי דַיין ווַייבּ זִיצְט מִיט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן קוּקְט אוֹיף שֵׁדִים אוּן שֵׁדוֹת, דָאס גֵייט אָבֶער נָאר בֵּיידֶע וֶועגְן; דוּ דַארְפְסְט זַיין עֶרְלִיךְ, הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם - וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶע כַּלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת צַו, ט״ו אֲדָר ב׳, שׁוּשַׁן פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא לִיכְטִיגֶע יוֹם טוֹב, אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, אַזַא נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת; גֶעלֵיינְט דִי מְגִילָה, גֶעגֶעבְּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, מִיר הָאבְּן גֶעפַּאטְשְׁט אוּן גֶעטַאנְצְט, מַמְתִּיק גֶעוֶוען אַלֶע דִינִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: ״שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים״; דָאס אִיז אַ וִוּיכְטִיגֶע לִימוּד, מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז אַלֶעס אִיז שׁוֹין פַארְבֵּיי, מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן דִי קְדֻשּׁוֹת, נֵיין; מֶען קֶען נָאכְאַלְץ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, ׳שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים׳; קֶענְסְט נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ

אַלֶע גְרוֹיסֶע הֵיילִיגְקֵייטְן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בְּרֶענְג אַרַיין דֶעם שַׁבָּת מִיט שָׁלוֹם, מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט שִׂמְחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳", שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין עַצְבוּת, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אַרוּם גֵיין אַ גַאנְצְן צַייט מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, עֶס וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע פָארְשְׁטֶעלוּנְג פוּן דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט; קוּם מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

זוּנְטָאג וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן חֵדֶר אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער; זֶע צוּ קוּמֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!

...

בעזרת השם יתברך

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ

אָה... אִיךְ הָאבּ מִיךְ צֶעקְלַאפְּט מַיין פִינְגֶער... סְ׳בְּלוּט, בְּרֶענְג אַ בֶּענְדִידְזְשׁ...

גֶעוֶוען אִיז דָאס מִיט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעהַאקְט אַ נָאגְל, אוּן בַּיים קְלַאפְּן מִיטְ׳ן הַאמֶער הָאט עֶר זִיךְ צֶעקְלַאפְּט זַיין פִינְגֶער; עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן פוּן וֵוייטָאג: ״אוֹטְשׁ, עֶס טוּט מִיר וֵויי, אֲהָה... אִיךְ הָאבּ מִיךְ צֶעקְלַאפְּט מַיין פִינְגֶער... סְ׳בְּלוּט, בְּרֶענְג אַ בֶּענְדִידְזְשׁ...״

דָארְט אִיז גֶעוֶוען זַיין רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט זַיין תַּלְמִיד: ״נַחְמָן, הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיידֶער דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דֶעם הַאמֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן ׳הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף דֶער נָאגְל זָאל גוּט אַרַיינְגֵיין?׳ הָאסְט

נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן – וָואלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט".



"אוֹטְש, עֶס טוּט מִיר וויי!"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען טוּט, אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אָדֶער אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ – דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַלֶע אִידְן אוּן אוֹיךְ מִיר ..."